[17] Ephraim Moses Lilien (1874–1925), a Galician Jewish artist known among other things for his photographic portrait of Theodor Herzl. Here the association is perhaps with his pen-and-ink illustrations portraying Jewish motifs in an Art Nouveau style—see for example Lilien’s illustrations to Berthold Feiwel’s German translation of Morris Rosenfeld’s poetry, *Lieder des Ghetto* (Berlin: Marquardt: 1902), particularly the portrait of an old Jewish man, p. 61. Thanks to Natalia Krynicka for this reference.

see—God will send you a match who will be willing to overlook them." He said that ideals aren't a flaw that needs to be overlooked. What are they, then? Apparently, they're a kind of fantasy. He gave me a whole song and dance—"I want to tie the knot in one of those abandoned alleys." Say I: "Oh? Is there any chance we could convince you to find a girl from one of the better neighborhoods?" But no! God forbid! Only a girl from the outskirts of town! That's where all the folkloristicalicity is. The song and dance wasn't over yet: the bride has to be a real Jewish girl, with a grandmother who reads from the *Tsene-Rene* with a cat at her feet warming itself by the fire, and her grandfather must bless him, Zalmen-Todres, under the *chuppah* with trembling hands, and so on and so forth. A real Jewish girl from a nice family—absolutely. But the idea that a grandmother who reads from the *Tsene-Rene* is the best possible dowry, or that a cat warming itself by the fire is a desirable wedding present—well, that's a bit much, if you ask me. But of course, there's no such thing as too much when it comes to folkloristicalicity . . .

My Groynem, on the other hand, is actually willing to listen to the matchmaker. But he only wants a Yiddishist for a bride, and no matchmaker knows what that is—they don't yet have that sort of merchandise written down in their logbooks. They want to know only one thing: to which breed do Yiddishist girls belong—the brunettes or the blondes?

And as for my daughter the student—she already has a fiancé. She's been going around with a young man—short and fat, no mustache, long hair, and a braggart to boot. What's his profession? He sings songs. Folk songs, so-called—that's his specialty. The audience can't get enough. He's said to be an incredible musician—he can read music, knows the notes. He could even become a whatchamacallit, an orchestra constructor—get up there in the front and lead the whole bunch.

No offense intended, but I can't make heads or tails of the guy. Is he a cantor, or not? Some sort of actor? If he sang opera arias or some other kind of serious music, or if he had aspirations of becoming a Reform cantor at least, then maybe . . . . But all he ever sings are these little songs that could make your stomach turn! A shoemaker's song, a tailor's song—aha, those are right up his alley. When a maidservant or an apprentice tradesman sings such a song, that's all very well, but when this fellow from the conservatory stands up in the front of the room wearing his black tailcoat and white gloves, puffs himself up, throws one leg forward and one leg back, and places his hand over his heart, and his eyes bulge out while he trumpets, "Yankl on the fiddle, Berl on the bass" or "I have a couple of oxen who slice up dough for noodles"—well, at that moment, I think to myself, "Either *I've* lost my mind, or everyone else has."

And my daughter sings along. That's the root of their romance, of course. He "discovered" that she has an incredible voice, a real matzo-soprano with a clavicatura. And since then, she's been singing. The entire house rings with her voice. If only she'd sing a decent song once in a while! "Little bird, little bird, peep peep peep"; "A couple of Germans stand, with their whips in hand." He pleads, "See here, Nechama dear, open up!" And she answers with real tears in her eyes, "I'm afraid of what Mama will say." How clever! And other such songs of infatuation and seduction, cruel mothers-in-law and who knows what else. What does she need university courses for, now that she's heard of the conservatory? Of course, she's not in it for the residence permit, God forbid—it's all for the sake of the myuuuusic.[18] And indeed, who would dare to sing "Little Bird, Little Bird, Peep Peep Peep" or "Little Goatie-Moatie, Kitty-Cat" without a diploma certifying that you've completed at least eight years of conservatory studies?

In short, that's how things stand, my friend. I once hoped that I'd live to see the day when my children would bring me a little pleasure—a son-in-law in front of a sawmill, marking down quantities of boards and lumber rather than interpretations from the *Tsene-Rene*, a daughter-in-law who would call me "father-in-law," and grandchildren in gymnasium uniforms who'd yell out "Grandfather!" But instead, here I am, tormented by this new affliction. Yiddishism . . . . The Almighty certainly is inventive when it comes to thinking up plagues . . .

[18] Jews who wanted to live outside of the Pale of Settlement (in Kiev, for example) had to obtain a residence permit. One way to do so was to enroll in a recognized educational institution.

ייִדישיסטן: אַ מאָנאָלאָג פֿון אַ קיִעווער ייִד

– ווי גייט עס מיט מײַן סעמייסטוואָ? נישט צו פֿאַרזינדיקן, עס דרודלט זיך... הײַנט גייט בײַ אונדז אַ נײַע סדרה – ייִדישיזם. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ נײַע נאמנה אַזאַ? – ווייס איך נישט. זאָגן, זאָגט מען, אַז דאָס איז כּמעט דאָס זעלבע, וואָס ייִדישקייט, נאָך מער פֿון ייִדישקייט, ייִדישקייט מיט אַ שמיציק... און מען פֿאַרטײַטשט עס מיר מיט כּלערליי משונה־מאָדנע ווערטער, הלוואַי זאָל עס זײַן צו גוטן.

עס איז געקומען אַזוי ווײַט מיט דער דאָזיקער ייִדישקייט, אַז **איך** בין שוין געוואָרן דער גוי. אַ מאָל פֿלעג איך טענהן צו מײַנע קינדער: זײַט ייִדן! הײַנט טענהן זיי צו מיר: טאַטע, זײַ אַ ייִד!... אַ מאָל איז מײַן עלטערער זון געווען זינאָוויע וולאַדימיראָוויטש, מײַן ייִנגערער זון – גרעאַסים וולאַדימיראָוויטש און מײַן טאָכטער, די קורסיסטקע – קלאַוודיאַ וולאַדימיראָוונאַ. איך בין, הייסט עס, געווען דער וולאַדימיר. געפֿעלט אײַך עפּעס אַ וולאַדימיר? וואָרעם, איך, אַז איך נעם אַראָפּ דאָס היטל און בלײַב אין יאַרמלקע, זע איך דאָך אויס ווי אַן עכטער קריסט... הײַנט פּרוּווט אָנרופֿן מײַן זון "זינאָוויע," וועט ער אײַך די אויגן אויסדראַפּען. זלמן זאָל מען אים רופֿן. און נישט נאָר זלמן, נאָר זלמן־טודרוס – ער האָט זיך דערמאָנט אַז די באָבע, ע"ה, האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַ נאָמען, נאָך אַן עלטער־זיידן, טודרוס... און מײַן גרעאַסים הייסט זיך רופֿן **גרונם**. עס געפֿעלט אים דער נאָמען גרונם. אַ מאָל איז אַזאַ נאָמען געווען חוכא־וטלולא, הײַנט איז עס אַ געהויבענע זאַך. עס האָט אין זיך, זאָגן זיי, אַ קלונג אַזוינעם. סע קלינגט מיט עפּעס אַזוינס, ווי רופֿן זיי עס, פֿאָלקטילימליכקייט... דער גוטער־יאָר ווייסט זיי...

אַ מאָל, אַ שטייגער, פֿלעגן קומען צו מײַנע קינדער געסט, חבֿרים. פֿלעג איך שוין און מײַן אַלטע מוזן ברעכן די ציין און רעדן רוסיש. נישט איין מאָל פֿלעגט מײַן אַלטע זיך וועלן אויסדרייען און שיקן מיך: גיי שוין, גיי, וועלוול, די געסט זענען געקומען און מען דאַרף מיט זיי רעדן רוסיש, און איך האָב אַזוי קיין צײַט נישט און קיין כּוח נישט... פֿלעג איך שוין גיין. פֿאָרט אַ מאַנצביל, מער קוראַזש. "זדראַסטי, זדראַסטי!"... הײַנט פּרוּווט זיך אויסרעדן "זדראַסטי," וועט מען אײַך דורס זײַן. און בײַ מיר – אַ רגילות, אַ לעבן, אַז מען מושטירט מיך. כאַפּט זיך אַ מאָל אַרויס מיט יונגוואַרג אַ "זדראַסטי!" איז הימל עפֿן זיך, פּונקט ווי איך וואָלט באַגיין, ווער ווייס וואָס פֿאַר אַ קרימינאַל. "ייִדיש, ייִדיש, זאָל מען רעדן!" – גוטע יאָרן, אַז מען הייסט טאַטע־מאַמע רעדן ייִדיש. מילא, ייִדיש, איז ייִדיש. נאָר וואָס איז דאָס אָבער פּלוצלונג געוואָרן אַזאַ בהלה מיטן ייִדיש, פֿאַרשטיי איך ניט. מיט דער שטוב־שיקסע רעדט מען שוין ייִדיש; מיט דער קאַץ, מיט דעם הונט, מיט דער בהמה... כ'מיין, אפֿשר זענען זיי גערעכט... פֿון וואַנען איז טאַקע געדרונגען, אַז מיט אַ בהמה און מיט אַ קאַץ דאַרף מען רעדן רוסיש? אָבער וואָס פֿאַרלאַנגען זיי – אַז עס קומט לפּידות דער רופֿא אָדער קלמנזאָן דער פּאָדריאַדטשיק, זאָל איך מיט זיי אויך רעדן ייִדיש. אַ שיין פּנים וואָלט עס האָבן, ווי מיינט איר?

וואָלט עס געווען כאָטש אַ ייִדיש רעדן! פֿאַרשטיי איך זייער ייִדיש נישט מער פֿון דאָס גאַנצע ייִדישקייט זייערס, אַז "געטראָפֿן אַ סלוטשײַ" איז בײַ זיי "געשען אַ געשעעניש," אַז אַזאַ פּשוט וואָרט, ווי "ניעפּריאַטנאָסט," איז בײַ זיי אומאָנגענעמלעכקייטישקייטן... איר קענט עס אַרויסרעדן?

אַנו, זײַט אַ בריה און טרעפֿט, וואָס איז דער טײַטש: "אָנגעווענדט די אויפֿמערקזאַמקייט," "געמאַכט אַ באַמערקונג" און "געענדיקט"? טענה איך צו זיי: אַמער רעדט ייִדיש: "אָבראַשצאַעט וונימאַניע," "געמאַכט אַ זאַמיעטשאַניע" און "געקאָנטשעט" – וועט מען פֿאַרשטיין וואָס איר רעדט!

אַ פּנים האָט עס געהאַט, ווען מײַן טאָכטער פֿלעגט, נישט הײַנט געדאַכט, רעדן מיט מײַן אַלטער רוסיש, און אַ פּנים האָט עס בײַ מיר הײַנט, ווען זי רעדט מיט איר ייִדיש, מײַן טאָכטערס ייִדיש: שטימונג, און לאַנגווײַליקייט, און סאַנטימענטאַליטעטלאָזיקייט... פֿון וואַנען קען איך דאָס אָט די ווערטער? – אָט, מען הערט זיך אָן,

אײַנגעשטודירט. פֿאָרט בין איך דאָס עפּעס אַ מאַנצביל. נאָר מײַן אַלטע, נעבעך, מוטשעט זיך נאָך הײַנט מיט דעם ייִדיש, ווי אַ מאָל, נישט הײַנט געדאַכט, מיט דעם רוסיש. אַ ייִדענע, פֿאַרבײַט זי די יוצרות. וואָרעם, באמת, גיי זײַ אַ בריה און טרעף, ווען מען דאַרף זאָגן "אויסוווּרף," ווען "פֿאָרווּרף" און ווען "אויפֿרוף"!?

אין וואָס נאָך באַשטייט זייער ייִדישקייט? – מען שטודירט דעם צאינה־וראינה און נאָך אַזעלכע תּחינות...

מײַן זינאָוויע, מײַן זלמן־טודרוס מיין איך, זעצט זיך אַוועק איבערן צאינה־וראינה, ווי אַ פּראָפֿעסאָר אין פּאָנסנע, אָן אַ היטל און לערנט מיט גרויס התמדה. קנייטשט דעם שטערן, דרייט מיטן גראָבן פֿינגער און פֿאַרגייט זיך פֿון גרויס טיפֿקייט און מתיקות... מײַן געראַסים, גרונם מיין איך, שרײַבט פֿון דאָרטן אויס גאַנצע שטיקער צו זיך אין ביכעלע אַרײַן, מיט הערות, מיט הגהות און פּירושים, און מײַן טאָכטער קלאַוודיאַ, קיילע מיין איך, דרוקט עס אָפּ אויף אַ שרײַבמאַשין.

איר פֿאַרשטייט? 38 יאָר איז מײַן זלמן־טודרוס אַלט. אויסגעשטודירט און אויסגעלערנט אַלע נאַוקעס שבעולם; אויסגעוועזן, ווּ די וועלט האָט אַן עק: אין לײַפּציק, אין פּאַריזש און אין פֿראַנציע, אויסגעלייענט אַלע ביכער מיט אַלע פֿילאָסאָפֿיעס, מיט אַלע ביבליאָטעקעס מיט אַלע פּראָקלאַמאַציעס מיט טאָלסטויען און דאַרווינען און גאָרקין און עדיסאָן. נישטאָ קיין זאַך, וואָס ער זאָל נישט וויסן. ווילט איר, וועט ער אײַך דערקלערן דעם שׂכל פֿון אַ גראַמאָפֿאָן; ווילט איר, וועט ער דערקלערן, פֿאַר וואָס איז אין קיטײַ אַ רעוואָלוציע. און טאָמער איז אין קיטײַ נישטאָ קיין רעוואָלוציע, וועט ער אײַך דערקלערן, פֿאַר וואָס איז דאָרטן נישטאָ קיין רעוואָלוציע. ווילט איר, וועט ער אײַך מאַכן אַ רעגן־בויגן אין מיטן העלן טאָג. נישט אויפֿן הימל, חלילה, נאָר אויף דער ערד ממש, מיט אַ קוואָרט וואַסער און אַ שפּריצער... ווילט איר וועט ער אײַך דערקלערן דעם שׂכל פֿון געלט. נישט ווי אַזוי מען פֿאַרדינט געלט. אויף דעם, ברוך־השם, דאַרט מיר נאָך דער מוח. נאָר דעם עצם ענין פֿון געלט, פֿאַר וואָס, אַז מען **האָט** געלט איז מען אַ נגיד, און אַז מען האָט נישט קיין געלט איז מען אַן אבֿיון און אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. פֿאַר וואָס אַ שנײַדער נייט קליידער און אַ שוסטער שיך, הכּלל, וואָס איר ווילט נאָר אַליין; און איצט איז ער געקומען צום שׂכל, אַז די גרעסטע נאַוקע איז רעדן ייִדיש, און אַז מען דאַרף רעדן ייִדיש דווקא מיט דיקדוק, און די גרעסטע חכמה שטעקט אין צאינה־וראינה...

און איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אַז דאָרט געפֿינט זיך אַזעלכע גאונות.

איר האָט געמעגט אַ מאָל זיך צוהערן, ווי אַזוי מײַן זלמן־טודרוס לייענט דעם צאינה־וראינה הויך אויפֿן קול פֿאַר אַן עולם פֿון זײַנע געסט. ווי אַזוי אַלע האַלטן דאָס אָנגעשטעלט מויל און אויערן און זענען מכוון יעדער וואָרט: "און האָט גאָט געזאָגט צו נח, דאָס איך וועל טאָן פֿאַרטיליקן אַלע באַשעפֿענישן און ווידמענונגען, וואָס טוען טאָן ווידמענען אויף דער ערד, נײַערט דו דאָס דער געפֿינען האָט חן־זעליקייט"... ווערט אַ שׂימחה אויף אַלעמען: "פֿאַרטיליקן!" אָוואַ! "טוען טאָן פֿאַרטיליקן!" ס'אַ טײַער וואָרט! ס'אַ גאָלדן וואָרט! "ווידמענונגען!" און "נײַערט!" הײַנט "זעליקייט"... הכּלל, מען צעגייט פֿאַר התפּעלות.

און וואָס נאָך? די צאַצקעס פֿון צאינה־וראינה פֿאַרנעמט בײַ זיי אַן אויג. קלײַבן זיך אַרום נעבן יעדער צאַצקע פֿון טײַטש־חומש באַיאָרנטע מענטשן, סטודענטן, מאָלער פֿון קאַדעמיע און מען לעקט די פֿינגער. ווּנדער איבער ווּנדער! איך כאַפּ אויך אַ קוק. אַ צאַצקע. "דאָס איז די מעשׂה, ווי אָדם און חווה זענען אַרויסגעטריבן פֿון גן־עדן." "דאָ בויט נח די תּבֿה פֿון פּימסנהאָלץ." "דאָס איז, ווי רבֿקה גיט צו טרינקען די קעמלען פֿון אליעזר, דער קנעכט פֿון אַבֿרהם." וואָס זאָל זײַן? אָפּגעמאַלעוועטע קאַרטינעס. וואָלט עס כאָטש זײַן געמאָלט מיטן האַנט, איז עס געדרוקט מיט אַ מאַשין. זיי אָבער געפֿינען דאָרט מאָדנע חידושים: "שטיל" און "קונץ" און "שטריך" און "כאַראַקטערס" און "היסטאָריע" און ווי רופֿן זיי עס, פֿאָלקטילימליכקייט. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווייסט איר נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס?

צי טוען זיי עפּעס, מײַנע קינדער, געשעפֿט? איך ווייס? עפּעס האַוועט מען, עפּעס גייט בײַ אונדז אין שטוב אַ מיסחר, נאָר איך ווייס נישט מיט וואָס. האָלץ – נישט האָלץ, וואַלד – נישט וואַלד, תּבֿואה – נישט תּבֿואה, נאָר עפּעס אַ משונה־מאָדנע סחורה. ווערדליק איך הער חזרנדיק דעם נאָמען, הייסט עס פֿאָלקלאָר. האָט איר געהערט אַ מאָל פֿון אַזאַ סחורה?

דערווײַל איז בײַ מיר אין שטוב אַ פֿאָלנע קאַנטאָר, אַ קאַנטאָר פֿון פֿאָלקלאָר. מײַן זון איז דער גלאַוונער דירעקטאָר. "טאָרגאָווי דאָם זלמן־טודרוס עט קאָמפּאַניע"... ביכער מיט שרײַבגעצײַג, מיט קאָרעספּאָנדענציעס, מיט קאַנצעלאַריעס. משולחים פֿאָרן אַרום בכל־תּפֿוצות־ישׂראל, מיט טשעמאָדאַנען, מיט פּאָרטפֿעלן. ווער עס אַרבעט אויף געהאַלט, ווער אויף פּראָצענטן. און טעלעגראַמעס גייען, קאָרעספּאָנדענציעס, געדרוקטע קאָנווערטן, פֿירמעס... און עס ווערט אײַנגעהאַנדלט סחורה: אַלטפֿרענקישע מטלטלים, חפֿצים פֿון מלך סאָבעצקעס יאָרן, שיבֿרי־כּלים, לידלעך. אַ מעשׂה מיט אַ רבֿ און אַ רביצין, ווערטלעך, משלים, רעטענישן... איך קאַוויר אײַך, אַז ווען עס מאַכט זיך אײַך אַ קאַזיאָנער פּאָדריאַד פֿון אינטענדאַנטסטוואָ, וווּ איר קענט כאַפּן אַ ריש אַלפֿים רובל (און איר זענט דאָך אַ ייִד אַ ניצרך, וואָרעם וועלכער ייִד איז נישט קיין ניצרך?), וועט איר זיך אַזוי נישט דערפֿרייען, ווי מײַנע קינדער, ווען זיי דערטאַפּן ערגעץ אַ קנעפּל פֿון אַן אַלטער יאַרמלקע, אָדער אַ לידל פֿון אַ ניקאָלײַעווסקע סאָלדאַט.

מײַן ייִנגערער זון, גרונם, אַרבעט דאָ הי אויפֿן פּלאַץ. יעדעס מאָל פֿאַלט ער אַרײַן מיט אַן אַנדער גדולה. און יעדעס מאָל איז ער אויסגעשמירט ווי אַ שד. דאָ איז ער געקראָכן אויף אַ בוידעם און געפֿונען אַן אַלט דעקל פֿון אַ שמעקטאַביק־פּושקע, און דאָ איז ער געלעגן אונטער אַ בימה פֿון ערגעץ אַ שול, געפֿונען אַ שיימע פֿון אַן אַלטער תּחינה.

איך, אַז איך וועל דערזען אַ שיימע, וועל איך עס אויך נישט לאָזן וואַלגערן זיך אויף דער ערד. איך וועל עס אויפֿהייבן און פֿאַרשטעקן ערגעץ. בײַ זיי איז דאָס אָבער גאָר אַ געהויבענע מיצווה געוואָרן. בײַ זיי גלעט מען עס אויס און מען פּרעסט עס אויס און מען קלעפּט עס אַרײַן אין אַ בוך, און מען שטעלט עס אַרײַן אין אַ שאַפֿע הינטער אַ גלאָז נאַ פּאָקאַז.

איר האָט, אויף אַ טשיקאַוועס, געמעגט אָנקוקן די דאָזיקע שאַפֿע, וואָס דאָרט טוט זיך! אַ מין רומל מיט סחורה: אַ צעבראָכענער שופֿר, אַ פֿאַרזשאַווערטע רער פֿון אַ הענגלײַכטער, אַ טאָוול פֿון אַ מעבֿר־יבוק, אַ טײַטל, אַ שׂימחת־תּורה־פֿאָן, אַ פּסולע ציצה, אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה וכדומה...

און יעדער זאַך ליגט "פּאָ נאָמעראַציע," פֿאַרשריבן אין רייסטער מיט אַ סדר, מיט אַן אָרדענונג און מיט אַ פּאַראָנדיק...

פֿרעג איך אַ מאָל מײַן זלמן־טודרוסן: זאָג מיר, זאָג איך, צו וואָס קלײַבסטו דאָס דעם גאַנצן האַרמידער מיטן קלאַפּער־געצײַג און שיבֿרי־כּלים? זאָגט ער, דאָס איז אים טײַער, מחמת דאָס איז ייִדישקייט. זאָג איך אים: אַ מאָדנע ייִדישקייט איז בײַ דיר. דײַן שופֿר בלאָזט נישט, דײַן הדס־פּושקע שמעקט נישט, דײַן גראַגער גראַגערט נישט. אַ צעקאַליעטשעטע ייִדישקייט בײַ דיר. זאָגט ער, אַז זײַן ייִדישקייט איז די אמתע ייִדישקייט און פֿאַרקערט: מײַן ייִדישקייט איז אַ צעקאַליעטשעטע. זאָג איך אים: אַ שיין ייִדישקייט איז עס, אַז איבערשרײַבן פֿון צאינה־וראינה, איז רעכט אָן אַ היטל, און לויפֿן הערן דעם רבינס ניגון אין שטיבל פֿאָרט מען אויפֿן טראַמווײַ און דווקא אום שבת. זאָגט ער, אַז דאָס איז אַלץ גאָרנישט. דער עיקר איז דער תּמצית פֿון ייִדישקייט, און דאָס האָט ער, און בײַ מיר איז עס בלויז דער טפֿל. איר פֿאַרשטייט? ער מיט די שיבֿרי־כּלים איז דער גאַנצער ייִד און איך בין דער טפֿל־ייִד. ווער איך שוין ברוגז און זאָג: אַז בײַ מיר איז טאַקע דער טפֿל, פֿונדעסטוועגן וועלן מיר זען, ווער וועט אַ קיום האָבן. ייִדן זענען איבערגעקומען גרעסערע משולחתן, וועלן זיי איבערלעבן דאָס ייִדישקייט אויך!

קריגן מיר זיך. דאַכט זיך אין פֿלוג, קינדער זענען געוואָרן ייִדן, הייסע ייִדן, און רעדן עפּעס פֿון ייִדן און ייִדישקייט, און די מחלוקת זענען געבליבן די זעלבע, ווי, נישט היינט געדאַכט, אַ מאָל, ווען איך בין געווען דער ייִד און זיי די פּאָליטישע דעמאָקראַטן. נאָר אויף דעמאָקראַטסטווע און ראַבאָטשי וואָפּראָס פֿאַרשטיי איך זיך נישט, אָבער אויף ייִדישקייט פֿאַרשטיי איך זיך שוין אויך נישט? איך פֿרעג אײַך?

נאָר איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? עס איז דאָך בעסער, ווי, נישט היינט געדאַכט, אַ מאָל, ווען אין דער דאָזיקער שאַפֿע איז געלעגן די טריף־פּסולע סחורה מיט די זאַפּרעשצאָנע ביכלעך, און איך האָב באַדאַרפֿט ציטערן, ווי אַ פֿיש אין וואַסער. היינט איז, דאַכט זיך, קיין געפֿאַר נישטאָ, ווי מיינט איר? און אפֿשר? ווער ווייסט?

ייִדישיזם, פֿאָלקלאָר, פֿאָלקטילימליכקייט. עפּעס זענען מיר די נעמען נישט גלאַטיק. מען קען זיך נישט טשעפּען, ווי מיינט איר?

זאָג איך צו מײַנע קינדער: איך וואָלט וועלן זען אַ מאָל אַ קונה אויף דער דאָזיקער סחורה. עפּעס האַנדלט איר און האַנדלט און קיין קונים זעט מען נישט. ענטפֿערט מען מיר, אַז אַזאַ סחורה פֿאַרקויפֿט מען נישט. מחמת אַזאַ סחורה איז אַ נאַציאָנאַלע רײַכטום, אַן עשירות פֿון אַ פֿאָלק. געפֿעלט אײַך עפּעס אַזאַ מין עשירות?... זאָג איך: איך וואָלט וועלן זײַן אַ בעלן זען, צי קען מען פֿאַר די דאָזיקע עשירות נייען אַ פּאָר שיך – פֿאַלט מען אויף מיר אָן, ווי אויף המנען, אַז עס איז אַ חילול־השם און אַז איך בין קיין ייִד נישט און איך ווייס נישט, ווי צו האַלטן הייליק די ייִדישע טראַדעציע. שאַ! עפּעס אַ נײַ וואָרט!... איר ווייסט ניט, וואָס דאָס איז?

נאָר, מילא – טאַרדעציע־שמאַרדעציע, נאָר דער עיקר, טאַטע, גיב געלט! גיב אויף פּאַרטיעס, שקלים, באַוועגעכצן און הײַנט אויף טאַרדעציע. וואָס איז דאָס אַזוינס, איך בעט אײַך?

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, למשל, פֿאַלט צו מיר צו מײַן זלמן־טודרוס: – אַ פֿינפֿאונצוואַנציקער! צו וואָס דאַרפֿסטו אַ פֿינפֿאונצוואַנציקער? ער דאַרף. באשר ס'איז דאָ זייער אַ וויכטיקע טעלעגראַמע פֿון ראָזשישץ. וואָס שטייט אין דער טעלעגראַמע? – נאַ, לייען. לייען איך: "קופּיל רעזנאָי וואָסטאָק, קוסאָק זשיוואָוואַ דערעוואַ, כסידאַצקי קרוזשאָצעק, פּערעוואָדיטע, 25"... איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז? און איר וועט עס טאַקע נישט וויסן, מחמת דאָס איז נישט אײַער בראַנזשע. מײַן זון האָט עס מיר אָבער גלײַך איבערגעזעצט, דאָס איז פּשוט: דער משולח פֿון ראָזשישץ, וואָס פֿאָרט אַרום פֿון אונדזער קאַנטאָר, קאַנטאָר פֿון פֿאָלקלאָר, אויפֿצוקויפֿן די אַלע אַנטיקן, איז מודיע, אַז ער האָט געקויפֿט "רעזנאָי וואָסטאָק," ד"ה אַ געשניצטן מיזרח, אַ שטיקל עץ־חיים און אַ חסידישע רעדעלע, און די גאַנצע פּאַרטיע סחורה טרעפֿט אָן ס"ה 25 רובל. און מײַן זון זאָגט, אַז דאָס איז אַ גוואַלדיקע קניה, אַ ווילדע מציאה, ממש בזיל־הזול...

אין אַ פּאָר טעג אַרום – אַ פֿרישע טעלעגראַמע, אַ סראָטשנע: "וויסילײַטע נעמעדלענאָ פֿאָנאָגראַף מעכאַניקאָם. נוזשנאָ זאַפּיסאַט באַזעצעניש," ד"ה מען זאָל תּיכּף־ומיד אַרויסשיקן אַ פֿאָנאָגראַף מיט אַ מעכאַניק. מען דאַרף פֿאַרשרײַבן אַ באַזעצעניש.

און ווידער אַ מאָל אַ טעלעגראַמע: "וויסילײַטע נעמעדלענאָ פֿאָטאָגראַפֿשציקאַ אַפּאַראַטאָם נוזשנאָ סניאַט רוטשנויו קאַדקו לעכעוויצקאָי כאָלאָדנאָי סינאַגאָגי"... אַ ביסל צײַט האָבן מיר זיך דעם מוח געבראָכן. וואָס איז דאָס אַזוינס? נאָר באַלד האָט ער, מײַן זון, זיך אָנגעשטויסן. פֿאָרט אַ פֿאַכמאַן. דאָס איז פּשוט: מען זאָל גלײַך אַרויסשיקן למע"ה אַ פֿאָטאָגראַף מיט דער מאַשין אָפּצופֿאָטאָגראַפֿירן דעם האַנטפֿאַס פֿון לעכעוויצער קאַלטער שול.

אַז אַ משולח קומט פֿון דער נסיעה, איז ער אונדזער גאַסט. אַזוי לאַנג, ביז ער ברענגט אין אָרדענונג זײַנע געשעפֿטן, גיט אָפּ דין־וחשבון פֿון זײַן נסיעה, וועגן די אוצרות, וואָס ער האָט געהאַנדלט און די עשירות, וואָס ער האָט געמאַכט.

דאָ ניט לאַנג קום איך אַהיים און טרעף צוויי פֿאַרשוינען, ווילד פֿרעמדע. דער ערשטער אַ ייִד אַ מגושמדיקער מיט אַ צעקודלטער שוואַרצער באָרד, מיט האָריקע הענט, מיט גרויסע ברעמען, אָדער ריכטיקער געזאָגט, איין גרויסע שוואַרצע ברעם פֿאַרוואָרפֿן איבער ביידע אויגן, ווי אַ שוואַרצע דוהע. דער אַנדערער – אַ יונגער־מאַן, אַ לאַנגער און אַ דאַרער מיט אַ פּנים ווי אַ האַק, אַזוי אַז ווען מען קוקט פֿון דער זײַט זעט מען בלויז באַק און ווײַטער גאָרנישט, אַ גרויסע פּלאַטשיקע באַק, און אַז מען קוקט פֿון פֿאָרנט זעט מען בלויז דעם שאַרף פֿון אַ גרויסער לאַנגער נאָז מיט אַ פּאָר גרויסע ברילן, וואָס שטייען אויף אים דיבאָם. גיב איך אַ פֿרעג די שטוביקע: ווער זענען דאָס די אורחים? ענטפֿערט מען מיר, אַז דער ערשטער איז אַ ייִד אַ שוסטער פֿון אַ קליין שטעטל פֿון פּאָלטאַווער גובערניע, און דער אַנדערער איז אַ משולח, וואָס פֿאָרט אַרום פֿון אונדזער קאַנטאָר, – קאַנטאָר פֿון פֿאָלקלאָר. אונטער וועגנס האָט דער משולח דערטאַפּט דעם דאָזיקן ייִדן פֿון פּאָלטאַווער גובערניע און געבראַכט אים צו פֿירן מיט זיך. דער ייִד איז אַ גרויסע זעלטנהייט. ער איז איינער פֿון די עלטסטע פּורים־שפּילער און קען די גאַנצע "מסירה," וואָס המן זאָגט פֿאַרן קעניג אַחשוורוש אויף אויסנווייניק מיטן ניגון, מיטן טראָפּ, פֿאַרפֿעלט ניט קיין וואָרט. נו, איז וואָס? – פֿרעג איך – איז דען הײַנט פּורים? צו וואָס דאַרפֿט איר דעם פּורים־שפּילער, אַז ס"ה האָבן מיר הײַנט אַרום שיבֿעה־עשׂר

בתּמוז? ענטפֿערט מיר שוין דער משולח אַליין: פּורים – זאָגט ער – איז טאַקע היַינט ניט. נאָר די "מסירה" איז זייער וויכטיק פֿאַר דעם ענין פֿון פֿאָלקלאָר. איז מילא, דעם נוסח וואָלט ער געקענט איבערשרייַבן אויפֿן אָרט גופֿא, אָבער דעם ניגון, וואָס טוט מען מיט דעם ניגון? און קיין נאָטן קען ער, דער משולח, ניט. האָט ער זיך מישבֿ געווען און אַראָפּגעבראַכט דעם ייִדן אויף אונדזערע הוצאָות גלייַך צו אונדז אין שטוב אַריַין. דאָ האָבן מיר די אמתע מוזיקאַנטן, מיט די אמתע זינגער: דאָ וועט מען דעם ייִדן שוין טאָן זיַין רעכט. ובכלל – זאָגט דער משולח – איז פֿון דעם ייִדן דאָ גענוג צו נאַשן, מחמת דער ייִד איז אַ זעלטענער טיפּ. פֿרעג איך: וואָס איז דאָס אַזוינס פֿאַר אַ מלאָכה "טיפּ"? ענטפֿערט ער, אַז טיפּ איז ניט קיין מלאָכה, נאָר ער שטעלט מיט זיך פֿאָר אַזאַ מין טיפּ. – אַהאַ! פֿאַרשטיי איך שוין, זאָג איך, דאָס איז משמעות אַזאַ פֿאָרשטעלונג, אַזאַ פּרעדסטאַווליעניע, אַ פּורים־שפּיל? ענטפֿערט ער, אַז דאָס איז ניט קיין פֿאָרשטעלונג און ניט קיין פּרעדסטאַווליעניע, נאָר אַ מין כאַראַקטער, אַזאַ טיפּישקייט. ער איז דורך און דורך טיפּיש: ער רעדט טיפּיש, דענקט טיפּיש און פֿילט טיפּיש. המם – זאָג איך – און כאַפּ אַ קוק אויף דעם ייִדן און אויף דעם משולח – ס'איז נאָך אַ שאלה, זאָג איך, ווער פֿון איַיך עס איז דער טיפּש און ווער דער חכם...

און רייַך, זאָגט מען מיר, איז דער ייִד, אַן עושר, מיט אַ גוואַלדיקן באַגאַזש, ניט ח"ו אין קאַפּיטאַל. און דער באַגאַזש, מען זאָל עס אָנקוקן, איז אויך ניט גוואַלדיק. אַ קלומעק מיט אַ טלית־קטן. אלא וואָס דען? ער האָט אַ פֿאַרמעגן פֿון ווערטלעך. פֿאָלקסווערטלעך, אַן עשירות פֿון שפּריכווערטער. קען דעם גאַנצן שׂימחת־תּורהדיקן פֿאַרדרייטן קידוש. אַ צוויי־דריַי דרשות פֿון אַ פּורים־רבֿ, און ווייס כּמעט אַלע צונעמענישן פֿון אַלע שטעט: מינסקער חזירים, בעלזער גענדז, סלוצקער פֿלאָדן, טישעוויצער טענצער, באָבריקער לבֿנה, יאַמפּעלער ענדיקעס, באָברויסקער אַרעסטאַנטן וכדומה... ער וועט איַיך קיין מאָל ניט פֿאַרבייַטן, חלילה. און דאָס איז ניט קיין קלייניקייט! מחמת ניט איין מאָל קאָכן זיך ביַי אונדז אויף גוואַלדיקע וויכּוחים. חבֿרה ווערט איַינגעטיילט אין צוויי כּיתּות: איין כּיתּה האַלט, אַז מען דאַרף זאָגן: "בעלזער גענדז" און "יאַמפּעלער ענדיקעס," און אַ צווייטע כּיתּה האַלט אַז מען דאַרף זאָגן פּונקט פֿאַרקערט: "יאַמפּעלער גענדז" און "בעלזער ענדיקעס"...

אַפֿילו מיַין טאָכטער געפֿינט אויך, אַז דער ייִד האָט אין זיך עפּעס, עפּעס שפּיגלט זיך אין אים אָפּ, עפּעס דערמאָנט ער... מיט איין וואָרט, דער ייִד זאָל זיַין אַ מערקווירדיקע בריאה, אַ זעלטענער אַנטיק. און איך קוק, און זוך, און זע גאָרנישט. אַ ייִד, אַ שוסטער פֿון אַ גאַנץ יאָר. און ביַים טיש פּאַקט ער, אָן עין־הרע, די סעודה ווי אַ געוויינלעכער בשׂר־ודם...

אויסגעריכט דעם ייִדן אין אַ גוטער שעה. געקומען אַהיים, דערוויס איך אַ נייַעם גאַסט – אַ ייִדענע, אין שטיוול, מיט אַ קויש. שוין אַ היגע. ווער איז די ייִדענע? – אַ ייִדענע, אַ מאַרקזיצערין. גרונם מייַנער האָט זי געבראַכט צו פֿירן פֿון מאַרק. וואָס איז מיט איר די שׂימחה? זי קען זיך שעלטן. שעלט מיט טויט־ביטערע קללות, האָט אַ זעלטענעם טאַלאַנט, זאָגט ער, צו שעלטן זיך. איז וואָס – זאָג איך – ביסטו עס בלק און זי אַ בלעם? און ווען ווילסטו זאָל זי שעלטן?? קיינעם ניט – זאָגט ער. נאָר ער דאַרף עס האָבן צוליב דעם פֿאָלקלאָר. ער קלייַבט אַ קאָלעקציע ייִדישע קללות. און אירע קללות זענען אמתע קללות, ייִדישלעכע קללות. פֿול מיט פֿאָלקסטילימליכקייט! גוואַלד, רבונו־של־עולם! וואָס איז דאָס אַזוינס פֿאַר אַ זאַך אָט דאָס פֿאָלקסטילימליכקייט, וואָס צו וואָס מען זאָל זיך ניט צושטעקן איז עס דאָרט פֿאַראַן?...

שטייט זי, די ייִדענע און שעלט און שעלט מיט טויטע ביטערע קללות, "שיבֿעה זאָלסטו זיצן אין אַ זומערטאָג און ציינווייטיק זאָלסטו האָבן אין אַ ווינטערנאַכט," "זאָל מען פֿון דיר די קישקעס מאָטעווען און דעם בית־עולם מעסטן," "אַ גרויסע מזל־ברכה אין דייַן היפּשן פּעקל צרות" און נאָך אַזעלכע קללות, אַז באַהיט זאָל מען ווערן. אויף וויסטע וועלדער און פּוסטע פֿעלדער זאָל עס פֿאַלן. אַן אמתע תּוכחה ר"ל. און מייַן גרונם שטייט און פֿרעגלט זיך פֿאַר נחת, און ער פֿאַרשרייַבט, פֿאַרשרייַבט אין זיַין ביכעלע אַריַין מיט פּירושים, יעדער קללה מיט אַ באַזונדער פּירוש און גיט עס איבער מייַן טאָכטער צום אָפּדרוקן אויף דער שרייַבמאַשין – אַזוי פֿיל ברכות זאָל איך האָבן, רבונו־של־עולם, וויפֿל די דאָזיקע קאָלעקציע קללות האָט מיך אָפּגעקאָסט...

ווי לאַנג פֿלעגן מייַנע קינדער לאַכן פֿון מיַין שלש־סעודות פּראַווען אין חסידים־שטיבל? חוזק מאַכן פֿון די ניגונים מיט דאָס באַמקען? געשריִען: ווילדקייט! פֿאַנאַטיזמוס! היַינט לויפֿן זיי אַליין אין אַ שול אַריַין מיט מער אימפּעט פֿון

מיר. דערהאַרט זיך: קינדער לויפֿן אין שול אַרײַן גלײַך מיטן טאַטן. דאַכט זיך גאָר גוט, און דאָך... איז עס עפּעס נישט דאָס...

מײַן שבתדיקע זמירות איז בײַ זיי לעילא־ולעילא געוואָרן, מײַן שלש־סעודות פּראַוועןמיטן רבינס ניגון איז בײַ זיי אין־לשער, פֿון מײַן הבֿדלה מאַכן מאַכט מען אַ גאַנצן פּאַראַד. מײַן זלמן־טודרוס וויל, איך זאָל ניט אַנדערש הבֿדלה מאַכן נאָר אין זײַנעם אַ פֿאַרזשאַווערטן בעכער פֿון זײַנע שיבֿרי־כּלים... מײַן טאָכטער די קורסיסטקע קריכט אַרויף אויפֿן שטול, זי וויל האַלטן די הבֿדלה־ליכט; און מײַן גרעאַסים, גרונם מיין איך, שטעלט אָן זײַנע מכשירים: פֿון איין זײַט הודזשעט דער פֿאָנאָגראַף, פֿון דער צווייטער זײַט דרימבלט דער קינעמאַטאָגראַף; פֿון פֿאָרנט שטייט אַ מאָלער פֿון דער קאַדעמיע און מאָלט מיך אויף אַ פּאָרטרעט, און פֿון הינטן שטייט דער קאַפּעל־מײַסטער פֿון קאָנסערוואַטאָריע און פֿאַרשרײַבט אויף נאָטן מײַן הבֿדלה־ניגון... און איך שטיי אַ מבֿולבלער. וואָס האָבן זיי פּלוצלונג דערזען אויף מיר?! 50 יאָר אַז איך מאַך הבֿדלה און קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, און איצטער איז עס געוואָרן אַ גאַנצער חידוש. עס געפֿעלט זיי די צערעמאָניע, אַ קאַרטינע, אַ פּאַנאָראַמע, אַ טרעאַטער... דער זון שרײַט: זעט נאָר אַ שטערן! די טאָכטער שרײַט: זעט נאָר אַ נאָז! אַ דאַנק גאָט, געפֿונען בײַם טאַטן אַ נאָז! דער מאָלער זאָגט, אַז איך דערמאָן אים אַ ליליען־קאָפּ. איר קענט מיר ניט זאָגן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿיש אַזאַ? בכלל געפֿינען זיי אין מײַן פּנים פּיתום־ורעמסס, און אין מײַן באָרד? אָ, וויי, וואָס אין מײַן באָרד געפֿינט זיך! כאַראַקטעריטשניקייט, מיט געשיכטע, מיט היסטאָריע, מיט סטיל, מיט פּאָעזיע, מיט ביבליע און ווידער אַ מאָל, ווי רופֿט מען עס – פֿאָלקטימלעמליכקייט.

איך וועל אײַך זאָגן דעם אמת: איך בין אַ בעלן געווען נאָך הבֿדלה בגנבֿה אַ קוק געבן אין שפּיגל. געמיינט, אַז עס איז בײַ מיר אויסגעוואָקסן אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז...

דאָ ניט לאַנג גיב איך אַ זאָג צו מײַנע קינדער: אפֿשר וואָלט געווען גאָר אַ מאָל אַ יושר, איר זאָלט חתונה האָבן? מען רעדט אײַך, זאָג איך, פֿײַנע שידוכים מיט די שיינע נדנס. איר האַלט דאָך פֿון יִידישקייט. און חתונה האָבן איז אַ יִידישע זאַך. ענטפֿערט מען מיר כּסדר: מײַן זלמן־טודרוס זאָגט: ער קען ניט חתונה האָבן. ער האָט אַן אידעאַל. זאָג איך אים, אַז מען דאַרף בײַ זיך פֿונדעסטוועגן ניט אַראָפּפֿאַלן. עס טרעפֿט, גאָט וועט געבן, מען וועט דעם חסרון נישט באַמערקן. זאָגט ער: אַן אידעאַל איז נישט קיין חסרון. וואָס דען איז עס? – דאָס איז אַזאַ מין פֿאַנטאַזיע. און ער זאָגט מיר אָפּ עפּעס אַ גאַנץ לידל: "איך וויל, אַז מײַן ליבע זאָל ווערן געשלאָסן אויף איינעם פֿון יענע פֿאַרוואָרפֿענע געסלעך"... מען וועט זיך, זאָג איך, בײַ דיר אפֿשר אײַנבעטן, דו זאָלסט חתונה האָבן פֿון אַ פּאַראַדנער גאַס? חס־וחלילה! דווקא פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן געסל! מחמת אַ פֿאַרוואָרפֿן געסל האָט אין זיך מער פֿאָלקטילימליכקייט. און ער זאָגט מיר ווידער אָפּ אַ גאַנצן פּיזמון: ער וויל, אַז די כּלה זאָל זײַן אַ יִידישע טאָכטער און אַ באָבען זאָל זי האָבן, וואָס זאָל לייענען דעם צאינה־וראינה, און אַ קאַץ זאָל זיך דערבײַ וואַרעמען, און אַ זיידע זאָל אים מיט ציטערדיקע הענט בענטשן אונטער דער חופּה און אַזוי כּסדר. אַ יִידישע טאָכטער, אַ בעל־הבתּיש קינד הייסט עס, מהיכא־תּיתי, נאָר זאָגן, אַז אַ באָבע מיט אַ צאינה־וראינה זאָל זײַן אַ גרויסער נדן, און אַ קאַץ, וואָס וואַרעמט זיך, זאָל זײַן אַ שיינער דרשה־געשאַנק – קען מען נישט זאָגן, נאָר וואָס טוט מען ניט צוליב פֿאָלקטילימליכקייט...

מײַן גרונם הערט זיך אַפֿילו יאָ צו צו שידוכים. וויל ער אָבער נאָר אַ יִידישיסטקע. און די שדכנים ווייסן נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס. בײַ זיי אין די ביכלעך איז נאָך דער מין סחורה נישט פֿאַרשריבן. זיי פֿרעגן אַלץ, צו וואָסער פּאַראָדע עס געהערט און וואָס דאָס איז אַזוינס: אַ ברונעטקע, צי אַ בלאָנדינקע?

און מײַן טאָכטער, די קורסיסטקע – זי האָט שוין אַ חתן, עפּעס פֿירט זי זיך אַרום מיט אַ בחור – אַ נידעריקער, אַ דיקער, אָן וואָנסן, לאַנגע האָר און אַ גרויסער גדלן. וואָס איז זײַן פּראָפֿעסיע? – ער זינגט לידלעך. פֿאָלקסלידלעך, רופֿט מען עס. דאָס איז זײַן ספּעציאַלנאָסץ. דער עולם לעקט פֿון אים די פֿינגער. אַ גוואַלדיקער מנגן, זאָגט מען אויף אים, לייענט בלאַט, קען גוט נאָטן, קאָן זײַן אַ רעוויזאָר אין אַן אָרקעסטער און אָנפֿירן מיט אַ גאַנצער קאַפּעליע... און איך, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, ווייס נישט וואָס דאָס איז פֿאַר אַ פּרי. אַ חזן ניט אַ חזן, אַן אַקטיאָרשציק נישט קיין אַקטיאָרשציק. וואָלט ער כאָטש זינגען אָפּערעס, אָדער אַזוי עפּעס סעריאָזנע שטיקער מוזיק, צי סטרויען זיך אויף אַ קאָר־חזן. זינגט ער אַלץ אַזעלכע לידלעך, וואָס עס שלאָגט פֿון זיי חלשות! ווּו נאָר אַ

שוסטערלידל, צי אַ שנײַדערלידל איז דאָס זײַן געשעפֿט. נאָר אַז אַ שוסטער, צי אַ שנײַדעריונג צי אַ דינסטמיידל זינגט אַזאַ לידל, איז נאָך צו דערלײַדן, אָבער אַז עס שטעלט זיך אַוועק אָט דער בחור פֿון קאָנסערוואַטאָריע אין אַ שוואַרצן פֿראַק מיט די ווײַסע העניטשקעס און שטעלט זיך אַוועק מיט אַ גדלות, פֿאַרוואַרפֿט אַ פֿוס פֿון הינטן און אַ פֿוס אויף פֿאָרנט און פֿאַרלייגט אַ האַנט אויפֿן האַרצן און פֿאַרגלאָצט די אויגן און זינגט אַרויס ווי פֿון אַ טרומייטער: "יעקל מיטן פֿידל, בערל מיטן באַס" אָדער: "האָב איך אַ פּאָר אָקסן, ווי זיי בראָקן לאָקשן," שטיי איך און טראַכט: אָדער איך בין משוגע, אָדער די וועלט איז משוגע.

און מײַן טאָכטער העלפֿט אים מיטזינגען. הערסטו, דערפֿון נעמט זיך דאָך די גאַנצע ליבע. ער האָט אויסגעפֿונען, אַז זי האָט אַ גוואַלדיקע שטים, אַ מצה־סאָפּראַן מיט אַ קלאַוואָטור. זינגט זי. אַ גאַנצן טאָג הילכט די שטוב מיט איר געזאַנג. זאָל דאָס זײַן איין רעכט לידל! "פֿייגעלע, פֿייגעלע פּי פּי פּי," "שטייען אַ פּאָר דײַטשן מיט די לאַנגע בײַטשן." ער בעט זיך רחמים: "זע, נחמהלע, עפֿן מיר!" ענטפֿערט זי מיט טרערן ממש: "איך האָב מורא פֿאַר דער מאַמען." אַ חכמה! און נאָך אַזעלכע לידער פֿון אײַנליבעניש און פֿאַרפֿירעניש, פֿון אַ בייזער שוויגער און אַ בייזער וועטשערע... איצט דאַרף זי שוין נישט קיין קורסן, איצט איז שוין קאָנסערוואַטאָריע! נישט צוליב פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, חלילה, נאָר פּשוט, כּדי צו קענען זינגען די לידלעך.

און אין דער אמתן, ווי קען מען זינגען "פֿייגעלע, פֿייגעלע, פּי, פּי, פּי," אָדער "ציגעלע מיגעלע קאָטינקע," ווען מען האָט נישט קיין דיפּלאָם אויף לכל־הפּחות אַכט קלאַסן קאָנסערוואַטאָריע?

אָט אַזוי איז עס, מײַן פֿרײַנד. און איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פֿון מײַנע קינדער דערלעבן אַ ביסל מער נחת: אַן איידעם וועט שטיין נעבן אַ זעגמיל און וועט פֿאַרשרײַבן אין ביכעלע אַרײַן ברעטער און געהילץ און נישט פּירושים אויף צאינה־וראינה, און אַ שנור וועט זאָגן "שווער," און אייניקלעך אין גימנאַזיסטקע היטלעך וועלן שרײַען "זיידע." ערשט נאַ דיר אַ נײַע אָנשיקעניש. ייִדישיזם... אַ סך משולחתן פֿאַראַן בײַם רבונו־של־עולם...